## LESSON 11

### עלפֿטע לעקציע

# דער יום־טובֿ חנוכּה

חנוכּה איז אַ פֿריילעכער ייִדישער יום-טובֿ. עס איז אַ יום-טובֿ פֿון אַכט טעג. חנוכּה-צײַט צינדן ייִדן אָן חנוכּה-ליכטלעך. דעם ערשטן אָוונט הייבט מען אָן מיט איין ליכטל; דעם צווייטן טאָג צינדט מען אָן צוויי, נאָך דעם דרײַ, און דעם לעצטן טאָג ברענען שוין אַכט ליכטלעך. די ליכטלעך שטעלט מען אַרײַן אין אַ חנוכּה-לאָמפּ.

לכּבֿוד וואָס צינדט מען אָן די ליכטלעך? לכּבֿוד דעם נס פֿון חנוכּה. אַ מאָל, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט דער סירישער מלך אַנטיוכוס באַפֿוילן, אַז ייִדן אין ארץ-ישׂראל זאָלן אויפֿהערן צו דינען זייער גאָט און זאָלן ווערן געצן-דינערס. אין בית-המיקדש האָט ער אַרײַנגעשטעלט אַ געץ. די ייִדן פֿון ארץ-ישׂראל האָבן דעמאָלט געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד קעגן דעם מלך. דעם אויפֿשטאַנד האָט געפֿירט די העלדישע משפּחה פֿון די חשמונאָים — אַ טאַטע מיט פֿינף זין. די ייִדן האָבן געוווּנען. זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן דעם סירישן מלך פֿון ארץ-ישׂראל און די געצן פֿון בית-המיקדש. ווען די חשמונאָים זײַנען אַרײַנגעקומען אין בית-המיקדש, האָבן זיי דאָרטן געפֿונען אַ קריגל מיט בוימל פֿאַר דער מנורה. אין קריגל איז געווען גענוג בוימל נאָר אויף איין טאָג. אָבער עס איז געשען אַ גרויסער נס, און דער בוימל האָט געקלעקט אויף אַכט טעג. לכּבֿוד דעם נס צינדן מיר הײַנט אָן חנוכּה-ליכטלעך.



חנוכּה-צײַט עסט מען בײַ ייִדן לאַטקעס און מען שפּילט אין דריידל. אויף די זײַטן פֿון אַ דריידל שטייען די אותיות נ ג ה ש — „נס גדול היה שם" (אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען).

חנוכּה-צײַט קריגן קינדער אַ מתּנה: מען גיט זיי חנוכּה-געלט.

עס זײַנען דאָ אַ סך לידער לכּבֿוד חנוכּה. לאָמיר זיך אויסלערנען זינגען דאָס ליד:

חנוכּה, אוי חנוכּה, אַ יום-טובֿ אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פֿריילעכער, ניטאָ נאָך אַזוינער.
אַלע טאָג אין דריידל שפּילן מיר,
הייסע גוטע לאַטקעס עסן מיר.
געשווינדער צינדט, קינדער,
די חנוכּה-ליכטעלעך אָן! } (צוויי מאָל)
לאָמיר אַלע אין איינעם
צום יום-טובֿ דעם שיינעם
זינגען און טאַנצן אין קאָן.




## VOCABULARY

אויס | לערנען זיך to learn
אויף: אויף איין טאָג for one day
• אויף | הערן [1] to cease
אַזוינער such
ניטאָ נאָך אַזוינער there's none like it
איינער: אין איינעם together
אַכט eight
• אָנ | הייבן (אָנגעהויבן) to begin
אַנטיוכוס [ANTIYOKhES] Antiochus (2nd century B. C.)
• אָנ | צינדן (אָנגעצונדן) to light
• אַרויס | וואַרפֿן (אַרויסגעוואָרפֿן) to throw out
אַרײַנ | קומען (איז אַרײַנגעקומען) to come in
• אַרײַנ | שטעלן to put in
ארץ־ישׂראל [ERTSISROEL] Palestine (literally Land of Israel)
באַפֿעלן (באַפֿוילן) to decree
דער בוימל olive oil
דאָס בית־המיקדש [BEYS-HAMIKDESH] the Temple
• ברענען to burn

[1] אויף, when used as a preposition, is usually pronounced [AF] (see p. 30), but occasionally [OYF]; the latter pronunciation should be avoided. However, when אויף is used as an adverbial complement, as in אויפֿהערן, it is pronounced [OYF] and, occasionally, [UF].

• דער גאָט God (*usually without the article*)
דער געץ (ן) idol
דער געצן־דינער (ס) pagan
געשווינדער faster
דינען to serve, to worship
• דאָס דריידל (עך) spinning top
הייבט... אָן ← אָנהייבן
• הייס hot
• העלדיש brave
וואַרפֿט... אַרויס ← אַרויסוואַרפֿן
די זײַט (ן) side
זייער their
• זינגען (געזונגען) to sing
• חנוכּה [KHA'NIKE] *Jewish holiday, sometimes called* Hanukkah
די חשמונאָים [KHASHMENOIM] Maccabees (*plural*)
• טאַנצן to dance
טויזנט thousand
די לאַטקע (ס) pancake
דער לאָמפּ lamp
לוסטיק merry
• דאָס ליד (ער) song
• דאָס ליכטל (עך) candle
דאָס לי'כטעלע (ך) candle (*endearing*)
• לכּבֿוד in honor of [LEKOVED]

• מיט... צוריי'ק ... ago
• דער מלך (ים) [MEYLEKh—MLOKhIM] king
די מנורה [MENOYRE] ceremonial lamp in the Temple, *sometimes called* Menorah
• די מתּנה (—ות) gift [MATONE—-S]
• דער נס (ים) miracle [NES—NISIM]
נס גדול היה שם [NES GO'DOYL HO'YO ShOM] (*Hebrew*) a great miracle happened there
סיריש Syrian
פֿינף five
פֿירן to lead
• פֿריילעך gay
צוריי'ק ← מיט... צוריק
צינדן... אָן ← אָנצינדן
דער קאָן round (figure in dancing)
• קלעקן to suffice
דאָס קריגל (עך) jug
• שטיין (איז געשטאַנען) to stand (*irregular infinitive, conjugated like* גיין)
שטעלט... אַרײַ'ן ← אַרײַנגעשטעלט
• שפּילן to play

## QUESTIONS

1. וויפֿל טעג איז דער יום־טובֿ חנוכּה? 2. וויפֿל ליכטלעך צינדט מען אָן דעם ערשטן טאָג? 3. וויפֿל ליכטלעך דעם לעצטן טאָג? 4. ווען איז געווען דער נס פֿון חנוכּה? 5. וואָס האָט דער מלך אַנטיוכוס באַפֿוילן? 6. וואָס האָבן געטאָן די יידן? 7. ווער איז געווען די משפּחה פֿון די חשמונאָים? 8. וואָס האָבן די חשמונאָים געפֿונען אין בית־המיקדש? 9. וואָס איז געווען דער נס פֿון חנוכּה? 10. וואָס עסט מען חנוכּה־צײַט? 11. וואָס ווייסט איר וועגן אַ חנוכּה־דריידל? 12. וואָס קריגן קינדער לכּבֿוד חנוכּה?

## GRAMMAR

### 1. Complemented Verbs

| | |
|---|---|
| די קינדער **הערן אויף** צו זינגען | The children cease singing |
| חיים **הייבט אָן** צו רעדן | Khaim begins to talk |
| מײַן ברודער **קומט אַרײַן** | My brother comes in |

In each of these examples, the verb consists of an inflected verbal part and an *adverbial complement*. Such verbs are called *complemented verbs.*

The adverbial complement modifies the meaning of the verb proper. Thus **ער קומט** means *he comes,* while **ער קומט אַרײַן** means *he comes in*. Likewise **ער שטעלט** means *he puts,* while **ער שטעלט אַרײַן** means *he puts in*. Sometimes, however, the adverbial complement changes the meaning of the verb radically. Thus in **ער הייבט אָן** *he begins,* the sense of the complemented verb is considerably removed from the uncomplemented version, since **ער הייבט** means *he lifts*. For these reasons it is most convenient to treat each complemented verb as a separate vocabulary unit until a later stage when the role of complements will be studied systematically.

The complement follows the verb in the present tense and in the imperative:

איך הייב אָן, דו הייבסט אָן, ער הייבט אָן
מיר הייבן אָן, איר הייבט אָן, זיי הייבן אָן
הייב אָן — הייבט אָן

### 2. Past Participle of Complemented Verbs

| | |
|---|---|
| **זיי הערן אויף צו זינגען:** | זיי האָבן **אויפֿ**געהערט צו זינגען |
| **ער הייבט אָן צו רעדן:** | ער האָט **אָ**נגעהויבן צו רעדן |
| **מײַן ברודער קומט אַרײַן:** | מײַן ברודער איז **אַרײַ**נגעקומען |

To form the past participle of a complemented verb, the complement is *attached before* the verbal base and **—גע—** is inserted after the complement. The stress in all such participles falls on the complement.

### 3. Infinitive of Complemented Verbs

| | |
|---|---|
| **איך הער אויף:** | איך קען **אוי**פֿהערן |
| **איך הייב אָן:** | איך קען **אָ**נהייבן |
| **איך קום אַרײַן:** | איך קען **אַרײַ**נקומען |

In the infinitive, too, the adverbial complement is attached to the verb proper, with the stress on the complement.

In the vocabulary, where verbs are listed in the infinitive, the complement will hereafter be set off by a vertical line, thus: אַרום | גיין. The past participle will be indicated only if ending in ן—. Therefore, a verb listed as

אײַנ | רעדן

implies the present tense: איך רעד אײַן, דו רעדסט אײַן...;
the imperative: רעד אײַן, רעדט אײַן; and
the past participle: אײַ'נגערעדט.

צו, when used with the infinitive, is inserted between the complement and the stem, all written in one word:

איך הייב אָן אַרומצוגיין
עס איז ניט שווער אויסצוטראַכטן אַ מעשׂה

## 4. Verbal Constructions and Word Order

On p. 33 it was pointed out that the verb is always the second unit in the sentence. Further, it was shown on p. 63 that imperatives may come first. But many verbal constructions contain, in addition to the inflected verb itself, also an uninflected part, such as:

the past participle: איך | האָב | אוי'סגעטראַכט;
an infinitive: איך | קען | אוי'סטראַכטן; or
an adverbial complement: איך | טראַכט | אויס.

It is the inflected part of the verb which must occupy the second place in the sentence. The uninflected element is treated as a separate sentence unit. Its place in the sentence is determined by its relation to the other units in the sentence.

The units which are usually placed *between* the inflected and uninflected elements of the verb are pronouns, adverbs, the subject (whether a noun or a pronoun), and ניט.

The units which are as a rule placed *after* the uninflected element of the verb are: additional infinitives, object nouns or phrases, predicate nouns or adjectives, and adverbial or prepositional phrases and clauses.

In outline, the Yiddish system of word order may therefore be represented as follows:

| NON-UNIT WORDS | FIRST FIXED PLACE | SECOND FIXED PLACE | [ANY OR ALL OF THE FOLLOWING] | THIRD FIXED PLACE | [ANY OR ALL OF THE FOLLOWING] |
|---|---|---|---|---|---|
| און<br>אָבער<br>אָדער<br>etc. | Any unit except the inflected part of the verb (Imperatives may, however, come first.) | The inflected verb | Subject pronoun<br>Direct object pronoun<br>Indirect object pronoun<br>Adverbs<br>Subject noun | The uninflected part of the verb | Other infinitives<br>Object nouns and phrases<br>Predicate nouns or adjectives<br>Adverbial and prepositional phrases and clauses |

Interrogative pronouns like ווו, ווען function as sentence units in direct questions, but as non-unit words in indirect questions:

ווו | איז | ער געווען? (איך ווייס) ווו ער | איז | געווען

ווען | איז | ער געקומען? (איך פֿרעג) ווען ער | איז | געקומען

## EXERCISES

A. Conjugate in the present and past tenses and in the imperative:

1. אָנצינדן חנוכּה־ליכטלעך. 2. אָנהייבן אַ ליד. 3. אויפֿהערן צו זינגען.

B. In the poem on p. 61 there occurred the phrase:

מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען

1. What is the infinitive of the verb in this phrase?
2. What is the first person singular of the present tense?
3. What is the first person singular of the past tense?

C. Divide the second paragraph of the reading passage at the beginning of this lesson into sentence units. Name each unit. Compare it with the table above.

D. Rewrite the following stanza (from a poem by Avrom Reisen) in normal prose word order:

פֿאַרלאָשן זײַנען מײַנע שטערן,
און פֿינצטער איז די לאַנגע נאַכט.
דאָך הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט.

stars שטערן — long לאַנג — extinguished פֿאַרלאָשן

כ׳צינד = איך צינד

E. Translate into Yiddish:

1. My (=the) mother put the candles in[to] the Khanike lamp. 2. The candles burned gaily. 3. We all looked at the candles. 4. The candles were lit in honor of Khanike. 5. Many people like Moyshe, but others want to throw him out of the club. 6. I believe that he should remain. 7. I saw him three days ago. 8. I liked him very [much]. 9. My (מײַן) sister remained at home until two days ago. 10. (The) grandfather came to visit us for one day. 11. I asked him to stay for three days, but he had to go home. 12. He really went. 13. Europeans know (=it is known in Europe) that the United States is a rich country. 14. Many people once believed that there was (*present tense*) gold on the streets. 15. They were told so in letters which were written to them from America. 16. I never heard this story. 17. He always thinks about others, you know. 18. Today few kings are left. 19. There are many Yiddish books about Jewish holidays. 20. Can you already read them? 21. I don't know whether I know enough Yiddish. 22. But I can sing Yiddish songs because they are not very difficult. 23. Who wants to begin this song? 24. When they finished the song they started dancing and did not cease until they had to go home. 25. Did the money which I gave you do (=suffice)? 26. The lamp never stood here. 27. I read a story about a brave child. 28. It is really a miracle that he is still living, for (=because) he was very sick. 29. I want to know how one plays with (=in) [the] spinning top. 30. Please explain it to me.

## JEWISH HOLIDAYS

The specific holidays are among the most characteristic features of Jewish life. Full of symbolic customs and folkways, they are a rich expression of Jewish community feeling. Naturally, they serve as the subject matter of many works of Jewish literature.

Three of the holidays are so old that they are described in the Pentateuch. One is פּסח [PEYSEKh] (Passover), an eight-day festival marking the liberation of the Jews from Egypt. On the first two nights, a festive meal is eaten at the ceremony called סדר [SEYDER].

Throughout the holiday, only foods made with unleavened dough are consumed; the unleavened Passover bread is called מצה [MATSE]. The second holiday is שבֿועות [shvUES], originally an agricultural feast in early summer, connected with the gathering of the first fruits in Palestine. It is also celebrated as the anniversary of the reception of the Law from the Lord. During Shvues, houses are decorated with green leaves. The customary dish is בלינצעס (cheese pancakes). The third holiday are the eight days of סוכּות [SUKES], at the end of summer. Observant Jews celebrate it by eating in outdoor tabernacles covered with fir branches (סכך [SKhAKh]). Sukes symbolizes both the harvest and the wanderings of the Jews in the Sinai desert after their liberation from Egypt.

Two holidays which mark historical Jewish victories are חנוכּה [KhA'NIKE], described in the Yiddish reading passage of this lesson, and פּורים [PURIM], described in lesson 12.

Two outstanding fast days (תּעניתים [TANEYSIM] are יום־כּיפּור [YONKIPER], the Day of Atonement, when man's fate is said to be sealed for the coming year, and תּישעה־באָבֿ [TI'shEBOV], the ninth day in the month of Ov (see p. 214), the anniversary of the destruction of the first Temple by the Babylonians in 587 B.C. and of the second Temple by the Romans in 70 A.D.

Among the remaining holidays are: ראָש־השנה [ROShESHONE], the beginning of the Jewish year; שימחת־תּורה [SIMKhES-TO'YRE], sometimes counted as the ninth day of Sukes, on which the annual cycle of the ceremonial reading of the Torah is completed; לג־בעומר [LEGBOYMER], between Peysekh and Shvues,[2] celebrated by outings and games.

2 The holidays mentioned in this chapter are sometimes referred to in English as Pesah, Shabuoth, Sukkoth, Hanukkah, Yom Kippur, Ninth of Ab, Rosh-Hashanah, Simhath Torah, and Lag B'Omer, according to the Sephardic pronunciation.